**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/20/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון ארבעט צו העכערן קאפאציטעט און פארבעסערן זיכערהייט אויפ'ן לאנג איילענד עקספרעסוועי**

***19.7 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט וועט פארלענגערן אריינגאנג און ארויסגאנג ראמפעס און צולייגן אוקזילערי לעינס אין קווינס***

***נאך פראיעקטן וועלן ווערן אויסגעטיילט דעם הערבסט צו ערזעצן אינטערסטעיט פעיוומענט אין סופאלק קאונטי***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז ארבעט האט זיך אנגעהויבן אויף פראיעקטן צו פארבעסערן זיכערהייט און פארגרינגערן געדראנג לענגאויס דעם לאנג איילענד עקספרעסוועי (אינטערסטעיט 495) אין קווינס און לאנג איילענד. קאנסטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אויף א 19.7 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט וואס וועט פארלענגערן דריי עקסעלערעישען לעינס און דריי דעסעלערעישען לעינס. דריי אוקזילערי לעינס וועלן אויך צוגעלייגט ווערן צווישן 48'סטע סטריט און ליטעל-נעק פארקוועי אין קווינס, צו פארבעסערן טראפיק פליס און ערלויבן פאר מאטאריסטן נאך פלאץ אראפצוגיין און ארויפצוגיין אויפ'ן הייוועי.

נאך צוויי פראיעקטן, ווערט איבער 80 מיליאן דאלער, וועלן ווערן אויסגעטיילט צו קאנטראקטארס שפעטער דעם הערבסט, און וועלן ערזעצן אומגעפער 287 לעין מיילן פון פעיוומענט אויף הויפט שטרעקעס פון דער לאנג איילענד עקספרעסוועי אין סופאלק קאונטי, ווייטער פארבעסערן באוועגונג לענגאויס דעם קאָמיוטער שאסיי וואס ווערט גענוצט דורך הונדערטער טויזנטער מאטאריסטן יעדן טאג וועלכע פארן צווישן לאנג איילענד און ניו יארק סיטי.

"אינוועסטירונג אין אונזער סטעיט'ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור איז קריטיש-וויכטיג פאר די אנגייענדע פארברייטערונג פון א בליענדער עקאנאמיע." **גאווערנער האקול האט געזאגט,** "די העכסט-נויטיגע אפגרעידס וועלן פארגרינגערן געדראנג און פארבעסערן זיכערהייט לענגאויס איינע פון די מערסט-באניצטע וויהיקל קארידארן אין ניו יארק סטעיט."

אלס טייל פון דער קווינס פראיעקט, וועלן אראפגאנג און ארויפגאנג ראמפעס פארלענגערט ווערן מיט אומגעפער 370 פיס. אנדערע זיכערהייט פארבעסערונגען רעכענען אריין דאס צולייגן טראפיק ווירקונג לינדערונגען (קרעש-קושענס) געאייגנט צו רעדוצירן קאליזשען שאדנס צו סטרוקטור, וויהיקלס און מאטאריסטן ביי זיבן אריינגאנג און אראפגאנג ראמפעס. אין צוגאב וועלן נייע צייכנס שילדן ווערן אינסטאלירט אויף בריק זיילן, אדער דערנעבן, ווי אויך אויף מויערן לענגאויס די שאסיי די פראיעקט גרעניצן און נייע רעפלעקטיוו צייכנס וועלן ווערן געלייגט לענגאויס א געדרייטע סעגמענט נעבן יוטאפיע פארקוועי צו פארבעסערן זעהבארקייט פאר מאטאריסטן.

דער פראיעקט וועט אויך אינסטאלירן נייע אנוויז-צוימען אדער קאנקרעט אפהאלט-מיטלען מיט רעפלעקטיוו צייכענעס ביי יעדע נייע עקסעלערישען, דעסעלערישען, און אוקזילערי לעין לאקאציע. דריי שילד סטרוקטורן אין דער הייעך ביי דער וועסטבאַונד לאנג איילענד עקספרעסוועי ביי עקזיט B22 (קאלעדזש פאוינט בולעווארד), עקזיט 23 (מעין סטריט), און אויף דער איסטבאַונד זייט ביי עקזיט 24 (קיסענע בולעווארד) וועלן אויך ווערן ערזעצט.

עקסעלערישען לעינס וועלן ווערן פארלענגערט ביי די פאלגענדע לאקאציעס לענגאויס די עקספרעסוועי אין קווינס:

- דער איסטבאַונד ארויפגאנג ראמפע ביי קיסענא בולעווארד.
- דער איסטבאַונד ארויפגאנג ראמפע ביי יוטאפיע פארקוועי.
- דער וועסטבאַונד ארויפגאנג ראמפע ביי יוטאפיע פארקוועי.

דעסעלערישען לעינס וועלן פארלענגערט ווערן ביי די פאלגענדע לאקאציעס לענגאויס די עקספרעסוועי אין קווינס:

- דער וועסטבאַונד אראפגאנג ראמפע צו קיסענא בולעווארד (עקזיט 24).
- דער איסטבאַונד אראפגאנג ראמפע צו יוטאפיע פארקוועי (עקזיט 25).
- דער וועסטבאַונד אראפגאנג ראמפע צו פרענסיס לואיס בולעווארד (עקזיט 28).

וועסטבאַונד אוקזילערי לעינס וועלן געבויט ווערן פון די מעין סטריט ארויפגאנג ראמפע צו דער קאלעדזש פאוינט בולעווארד אראפגאנג ראמפע (עקזיט 22B) און פון דער קיסענא בולעווארד ארויפגאנג ראמפע צו דער מעין סטריט אראפגאנג ראמפע (עקזיט 23). אן איסטבאַונד אוקזילערי לעין וועלן געבויט ווערן פון די מעין סטריט אריינגאנג ראמפע צו דער קיסענא בולעווארד אראפגאנג ראמפע (עקזיט 24). ארבעט איז ערווארטעט פארענדיגט צו ווערן אין פרילינג 2023.

שפעטער דעם הערבסט וועלן צווי קאנטראקטן ווערן אויסגעטיילט צו באנייען אומגעפער 287 לעין מייל פון פעיוומענט לענגאויס די LIE אין סופאלק קאונטי פון די נעסאוי / סופאלק ליניע צו ראוט 112.

**סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטעישען קאמישענער מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** "די סעיפטי פון די פארענדע פובליק איז אונזער הויפט פריאריטעט ביי דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטעישען און די פראיעקטן וועלן העלפן פארגרינגערן זיכערע ארומפארן אויף דער קריטיש-וויכטיגער שאסיי. ניו יארק סטעיט איז פארשפראכן צוריק צו בויען אונזער אינפראסטרוקטור צו שאפן א מער באפעסטיגטע טראנספארטאציע נעטווארק וועלכס טרעפט צו די פארלאנגען פון דער 21׳סטע יארהונדערט און ערמעגליכט פאר אונזערע קאמיוניטיס צו בליען."

**קווינס בארא פרעזידענט דאנאוון ריטשערדס דזר. האט געזאגט,** "די אלגעמיינע זיכערהייט פון אונזערע גאסן און די מאדערניזירונג פון אונזער פארעלטערטע טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור גייען האנט-ביי-האנט. דער קריטיש-וויכטיג פראיעקט וועט אדרעסירן ביידע, און קווינס איז דאנקבאר פאר די סטעיט׳ס באדייטנדע אינוועסטירונג אין די העכסט-נויטיגע אויפריכטונגען אויף דעם לאנג איילענד עקספרעסוועי. מיר קוקן ארויס צו פארזיכערן א זיכערערע, גלאטיגער רייד פאר די וואס דרייוו׳ען."

**סופאלק קאונטי עקזעקיוטיוו סטיוו בעלאון האט געזאגט,** "דער פראיעקט וועט גיין א לאנגער וועג צו העכערן שאסיי זיכערהייט לענגאויס דעם וויכטיגן שטרעקע פון הייוועי. מיר זענען דאנקבאר פאר ניו יארק סטעיט פאר׳ן ענטפערן אונזער רופן צו העלפן איינוואוינער בשעת זיי נאוויגירן דער קריטיש-וויכטיג קארידאר אין אונזער קאונטי."

**קאנגרעסמאן גרעיס מענג האט געזאגט,** "אדאנק גאווערנער האקול פאר'ן פארזעצן ווייטער צו אינוועסטירן אין אונזער ארטיגע ראודס און הייוועיס ארייגערעכנט דער עקסט-נייטיגער שאסיי וועלכס סערווירט מיין קאנגרעסיאנעלע דיסטריקט און אונזער ראיאן. אָפּגרעיד'ען און פארבעסערן אונזער פארעלטערטע אינפראסטרוקטור איז נויטיג בשעת מיר זוכן צוריק צו בויען בעסער, און איך קוק ארויס צו זעהן ווי די ארבעט פארבעסערט רייזע פארן און זיכערהייט פאר מאטאריסטן."

**סענאטאר דזשים גאוגהרען האט געזאגט, "**איך בין באגייסטערט אז גאווערנער האקול האט פארשפראכן פאַנדינג צו איבערפלאסטערן דעם לאנג איילענד עקספרעסוועי, או נויטיגער פרשת דרכים אין אונזער ראיאן׳ס אינפראסטרוקטור. די אָפּגרעידס וועלן גיבן לאנג איילענד קאָמיוטערס מער גלאטיגע ראודס און א מער זיכערע רייזע אהיים צו פארן. א דאנק אייך גאווערנער האקול."

**סענאטאר אלעקסיס וועיק האט געזאגט,** "איך האב גערעדט צו דער DOT איבער די קריטיש-וויכטיגע נויט צו איבערפלאסטערן דעם LIE און דער היינטיגער אנאנסמענט איז א וויכטיגע ערשטע טריט צו פארזיכערן אז עס וועט געטוהן ווערן. די זיכערהייט פון אונזערע מאטאריסטן איז הויפט-וויכטיג און איך בין צופרידן אז דער DOT מאכט דאס איבערפלאסטערן דעם LIE — די מערהייט פון וועלכע וועלן פארקומען אין דעם 3׳טן סענאט דיסטריקט — א פריאריטעט."

**אסעמבלי מיטגליד מייק פיטספעטריק,** "איך וויל דאנקען גאווערנער האקול פאר מאכן דאס איבערפלאסטערן לאנג איילענד׳ס מערסט פארנומענע שאסיי א הויפט פריאריטעט אין איר נייע אדמיניסטראציע. איך ווייס אז זי אנערקענט און שטיצט האלטן אונזערע ראודס ווי זיכערער זיי קענען זיין. דער פראיעקט וועט פארבעסערן זיכערהייט און אין דער זעלבער צייט גיבן ארבעט פאר אונזערע לאנג איילענד ראוד קאנטראקטארס, די בעסטע אין דעם ביזנעס."

**אסעמבלי מיטגליד פיל ראַמאָס האט געזאגט,** "מוניציפאליטעטן פארלאזן זיך אויף סטעיט פינאנצירונג צו פארריכטן זייערע ראודס. אדאנק גאווערנער האקול איז דער עקסט-צייטיגער איבערפלאסטערן אונטערוועגנס אויף דעם לאנג איילענד עקספרעסוועי. ניו יארק׳ס פארשידענע וועטער סארטן מאכן אפטע ראוד פארריכטונגען נויטיג, און איך בין צופרידן אז דער סופאלק קאונטי׳ס אינפראסטרוקטור וועט פארבעסערט ווערן."

**אסעמבלי מיטגליד קיט בראון האט געזאגט,** "איך וויל דאנקען דער אדמיניסטראציע און דער DOT קאמישענער פאר'ן הערן אונזערע בעטן און פאר פאראויס ציען דער סקעדזשול פון אויספלאסטערן דעם LIE פון עקזיטס 47-65 צו פאררעכטן די אומזיכערע אומשטענדן פאר מאטאריסטן און מאטארציקליסטן. מיר זענען צופרידן צו זעהן עס ווערט געטוהן. עס איז העכסט צייט!"

**אסעמבלי מיטגליד דאג סמיט האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול און דער ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט פאר פארשנעלערן די העכסט-נויטיגע איבערפלאסטערן פון דער LIE. עס פריידט מיך אז די זארגן פון אונזערע איינוואוינער און ארטיגע באאמטע זענען געהערט געווארן און קוקן ארויס צו זעהן די פראיעקט פארענדיגט."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאדי גיגליאו האט געזאגט,** "דאס איבערפלאסטערן וועט מאכן רייזע פארן אויפ׳ן LIE זיכער און וועט האלטן מענער און פרויען אין לעיבאר פארנומען פאר פילע יארן אין דער צוקונפט. א דאנק אייך גאווערנער האקול און NYSDOT פאר׳ן פארווירקליכן דעם לאנג-ערווארטעטן פראיעקט."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאו סטעפאנאו האט געזאגט,** "דער סטעיט DOT ציעט זיך אויף פאראויס מיט בידס צו איבערפלאסטערן דעם LIE האט נישט געקענט קומען אויף א בעסערע צייט. דאס איז א

העכסט-נויטיגער שאסיי פאר גאנץ לאנג איילענד און מוזן ווערן פאסיג אויסגעהאלטן. דער סטעיט מוזן זיך האלטן צום סקעדזשול מיט די בידינג פראצעס און זען די ארבעט זאל געטוהן ווערן. דער סעיפטי און עקאנאמישע וואוילזיין פון מיליאנען מענטשן ווענדט זיך דערויף."

**קאונסיל מיטגליד קערען קאסלאוויץ האט געזאגט,** "עס איז צופרידנשטעלנד צו וויסן אז גאווערנער האקול אנערקענט אז קווינס האט פראבלעמען מיט איר הייוועי סיסטעם, און אז דער גאווערנער איז אנטשלאסן צו געבן פאר קווינס מאטאריסטן א מער זיכערע און מער גלאטיגע טריפ."

**קאונסיל מיטגליד פאול עי. וועלאון האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול אויף איר פארשפרעכונג פאר זיכערהייט דורך די העכסט-נויטיגע אינוועסטירונגען אין טראפיק פארבעסערונגען אויף דער LIE. זיכערהייט איז אלעמאל געווען איינע פון מיינע העכסטע פריאריטעטן און עס פריידט מיר צו זעהן אז קווינס איז אויפ׳ן גאווערנער׳ס ראדאר בשעת זי ברענגט אונזער סטעיט ארויס פון דער פאנדעמיע און אריין אין א נייע, ליכטיגע צוקונפט."

**קאונסיל מיטגליד בערי עס. גראדענטשיק האט געזאגט,** "אין א צייט ווען טראפיק דערגרייכט אדער שטייגט איבער רעקארד שטאפלען לענגאויס דעם ראיאן, וועט דער פראיעקט פארבעסערן זיכערהייט פאר מאטאריסטן דא אין קווינס און פאר אלע וועלכע פארן אויף דער קריטיש-וויכטיגער שאסיי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418